


## אכסניא של תורה: ברוקלין ניו יארק

# מולטי־מעכטיגער בנין ענקי "ניו יאָרק סטעיט אַרמאָרי" אין קראונהייטס, ברוקלין נ.י. אַרגאַנזשירט פאַר רבבות ישראל ביי סעודת הודאה ודינער השנתי כ"א כסלו

**"ארמארי בנין" לאקאל אויף בעדפארד עוו. און פרעזידענט סט. אין קראונהייטס געגנט פון ברוקלין – היינטיגן יאר תשע"ב געגנויע זעכציג יאר פון ווינטער תשי"ב ווען די סאטמארער תלמוד תורה האט זיך געגרינדעט אויף פרעזידענט סט. אין קראונהייטס**

**הרה"ח ר' מרדכי אלעזר הירש הי"ו, אדמיניסטראטאר: העכער 2,000 זיץ פלעצער מער פון פאראגאנגענעם יאר, צו אקאמאדירן אומגלויבליכער פלייץ פון רבבות ישראל, בליעה"ר!**

ברוקלין, ניו יארק. – אין א גאר עקסטאזליכן מעלדונג ווערט געמאלדן דורכ'ן אפיס פון די צענטראלע מוסדות הקדושים ישיבה תורה ויראה דרבינו יואל מסאטמאר אין וויליאמסבורג, אז צום היי יעריגן דינער לטובת די צענטראלע הייליגע סאטמארער מוסדות, וואס ווערט אפגעהאלטן דורך רבבות אלפי ישראל אינאיינעם מיט דעם כינוס הודאה רבתי כ"א כסלו, די 67'סטע יום הצלה והשחרור פון מרן רבינו קודש הקדשים בעל דברי יואל מסאטמאר זי"ע, איז מיט סייעתא דשמיא און גרויס הצלחה געלונגען צו אנאקסירן דעם גיגאנטישער בנין, "ניו יארק סטעיט ארמארי", וואס געפינט זיך אין די קראונהייטס געגנט, הארט נעבן וויליאמסבורג, מקום מגוריו פונעם גרויסן בעל הנס, מרן רבינו הק' מסאטמאר זי"ע.

ווי געמאלדן שוין אין די פאראגאנגענע וואכן האט די הנהלת המוסדות אין וויליאמסבורג אריינגעלייגט געוואלדיגע כוחות צו טרעפן א פאסיג ארט פאר דעם געהויבענעם ליל ההודאה און יערליכער דינער, צו קענען אקאמאדירן אזויפיל טויזנטער אידן הנאספים לפונדק אחד. עס איז געשטאנען פאר די אויגן דער פאקט אז דער מעמד רבתי זאל זאל זיין נאענט און צוגענגליך, צו פארשפארן מעגליכע אומאנגענעמליכקייטן

פארזעצונג אויף זייט יא ◄◄

## ספעציעלער "ונתנו גורל" פראָקלאָמירט צו שאַפן מאַקסימום "קעש ביים דינער"

ליינט נייעס זייט י

## ספעציעלער "חד יומא אינפאָרמאַציע צענטער" וועט זיין צוגעשטעלט ביים גרויסאַרטיגן דינער

ליינט נייעס זייט ה




זייט ג




זייט ח

# אז נדברו יראי ה'... ויכתב ספר זכרון לפניו

**היכלא דמלכא כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א וועט פארטיילט ווערן ביים דינער השנתי פאר משתתפים פון $250 להחזקת המוסדות אנטהאלט העכער 500 זייטן אוצר בלום פון צענדליגער שמועסן מיט גדולי הרבנים, אדמורי"ם מפורסמים, שרי התורה ועיני העדה, שליט"א אין אלע מקצועות התורה ועניינים העומדים על הפרק להעמיד הדת על תילה – אויסגעשטעלט מיט וואונדערבארן "מפתח הענינים והצדיקים" און תוכן שיחות קודש אויף א הערליכן פארנעם**

ספר "משולחן מלכים" – שיחות קודש בברוקלין, ניו יארק. – אין אן עקסטאזליכע נייעס ווערט געמאלדן פונעם "דינער קאמיטע" אין די צענטראלע סאטמארער מוסדות אין וויליאמסבורג, אז ביים היי-יעריגן דינער השנתי כ"א כסלו, וועלן אלע משתתפים מיט סכום פון $250 לטובת די מוסדות הקדושים מיט אירע אלפי תלמידים ותלמידות כ"י ערהאלטן א הערליכן באנד "ספר משולחן מלכים", וואס אנטהאלט העכער 500 זייטן פון הערליכע שמועסן מבי גינזא דמלכא, צענדליגער שמועסן וואס כ"ק מרן רבינו שליט"א האט אפגעהאלטן מיט גדולי הרבנים יראי ה', אדמורי"ם מפורסמים, שרי התורה ועיני העדה שליט"א אין אלע מקצועות התורה וענינים העומדים על הפרק.

סיפורי צדיקים, מנהגי קודש פון צדיקים קדושים זי"ע, פסקי הלכה בעניינים העומדים על הפרק, קנאות און מלחמת ה' בעמלק, התבדלות מרשעים און חיזוק למחנה יראי ה', יסודות בחסידות און עבודת ה', תיקוני הדת בדרך המקובל לגדור גדר ולעמוד בפרץ, עמקות און ידענות אין אלע מקצועות התורה און פלפולא דאורייתא, חדותא דשמעתתא מיט שרי התורה, בירור סוגיות הש"ס מיט גדולי ראשי הישיבות – דאס אלעס איז נאך אלץ נישט די פולע ליסטע מיט וואס מ'באגעגנט זיך איבער די העכער 500 בלעטער פון דעם "ספר משולחן מלכים", וואס אנטהאלט די שיחות קודש דורך הרבנים הגאונים הצדיקים שליט"א ביי באזוכן בביתו נאוה קודש – און ביקורי נימוסין אויף ביקור



גומלין – פון כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א.

"אז נדברו יראי ה' איש אל רעהו ויקשב ה' וישמע ויכתב ספר זכרון לפניו ליראי ה' ולחושבי שמו". אין די לעצטע יארן זינט מרן רבינו שליט"א האט עולה געווען על כס המלכות אלס מנהיג פון די רבבות אלפי ישראל בק"ק סאטמאר, איז זיין שטוב געווארן א בית וועד לחכמים אויף א פרעצעדענטלאזן פארנעם. ערליכע רבנים וגדולי תורה פון אלע שיכטן און קרייזן זענען כסדר משכימים לפתחו, לחזות בנועם ה' ולבקר בהיכלו.

סיי וועלכער ערליכער גדול בישראל אדער תורה-




פערזענליכקייט עס באזוכט אין אמעריקא פון איבער די גאנצע וועלט, ווייסט אז דער הויפט שפיץ פונעם באזוך איז אין שטוב פון רבי'ן שליט"א, וואו עס ערווארט א תורה'דיגער שמועס, מתוקים מדבש ונופת צופים.

כי הנה המלכים נועדו יחדיו. דער רבי שליט"א מיט זיינע ברייטע ידיעות בפרד"ס התורה ועניני חסידות ומנהגי הצדיקים, איז "כל אחד נדמה לו כאומתו", אין יעדע מקצוע וואס מ'רירט אן ווערט דער שמועס אויסגעברייטערט מענין לענין באותו ענין, אזש צומאל קען איין שמועס פארקערפערן א שלימות פון עטליכע מקצועות בסוגיות הש"ס ביז סיפורי צדיקים און דברים העומדים על הפרק בהעמדת הדת על תילה א.א.וו.

מיט עטליכע יאר צוריק האבן די שיחות קודש אנגעהויבן ערשיינען אונטערן נאמען "משולחן מלכים" אינעם וועכנטליכן תורה גליון "קול התאחדותינו" וואס ווערט פארפאסט דורך כולל עצי חיים אין שיכון קרית יואל, בני ברק יצ"ו, און זינט דאן ווערן די גליונות צוכאפט מדי שבוע בשבוע אין די צענדליגער טויזנטער דורך שלומי אמוני ישראל וועלכע דערקוויקן זיך מיט די הייליגע שמועסן. זקנים עם נערים, אברכים יקרים מביני מדע, בעלי בתים מיט א תורה'דיגן חוש, ביז צו בחורי חמד מבקשי ה', אלע האבן א גייסטיגע הנאה צו מעיין זיין און "מיטהאלטן" די געהויבענע שמועסן מיטן רבי'ן שליט"א, וואס טראגן א געוואלדיגן תורה'דיגן חן און ברייטע ידיעות בכל מכמני תורה.

יעצט צום היי-יעריגן דינער זענען א גרויסער טייל פון די שיחות קודש מסודר געווארן צום דריק אויף א פערמאנאנטן פארנעם, אויסגעשטעלט מיט א וואונדערבארן "מפתח הענינים והצדיקים" און באגלייט מיט א "תוכן שיחות קודש" ביי יעדן שמועס, אויף א הערליכן פארנעם, אז מ'זאל באלד קענען טרעפן אין וועלכע מקצוע אדער מקור מ'וויל מעיין זיין.

דער "ספר משולחן מלכים" וועט פארטיילט ווערן ביים יערליכן דינער לטובת די צענטראלע סאטמארער מוסדות הקדושים אין וויליאמסבורג, וואס וועט פארקומען קומענדיגן מוצאי שב"ק פר' וישב אינעם בנין ענקי "ניו יארק סטעיט ארמארי", אין קראונהייטס, ברוקלין נ.י. פאר אלע נדיבים אינעם סכום פון $250 לטובת די הייליגע סאטמארער מוסדות מיט אירע אלפי תלמידים ותלמידות כ"י.

קחו ברכה אל תוך בתיכם.

# דעם רבי'נס "חד יומא"..

**ראשית**

**שכל אנ"ש, כל אחד ואחד יתחייב באיזה סכום לשלמו כל השנה, לא בפעם אחת. ויהי' ע"ז איש מיוחד לגבות, או לשבוע, או לחודש, או לג' חדשים, כאו"א כאשר יחפוץ, ובדרך זה יוכל לשלם את המוטל עליו לצורך התלמוד תורה.**

(ערשטענס זאָלן יעדער איינער מאנ"ש זיך מתחייב זיין מיט א געוויסן סכום (לטובת המוסדות) דאָס אפצוצאלן דורכאויס'ן יאָר, (עס מוז נישט זיין) אויף איינמאָל. עס זאָל זיין געשטעלט אויף דעם א באַזונדערער מענטש וואָס זאָל עס אַרומגיין אָפּנעמען, איינמאָל א וואָך, צי איינמאָל א חודש אָדער איינמאָל אין דריי חדשים, יעדער ווי אַזוי ער וויל, און אויף דעם וועג וועט יעדער קענען באַצאָלן וואָס עס ליגט אויף אים לטובת די תלמוד תורה.)

## בכתב יד קדשו

אָט די ווערטער האָט מרן רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע געשריבן בכתב יד קדשו (זעה בייגעלייגט קאפיע פון כתב יד). עס איז דאַן געווען א תקופה פון א שטיק צייט וואָס דער רבי זי"ע האָט לויט'ן באַפעל פונעם דאָקטאָר נישט געטאָרט גאָרנישט רעדן, און אַלעס וואָס דער רבי זי"ע האָט זיך געוואָלט פאַרשטענדיגן מיט די אַרומיגע איז געגאַנגען שריפטליך. וואָס דער רבי האָט געוואָלט ענטפערן האָט ער אָפּגעשריבן בכתב יד קדשו, און פון יענע תקופה איז געבליבן אַן אוצר פון אָרגינעלע דאָקומענטן וואס האָט א היסטאָרישע ווערד.



צווישן אַנדערן האָט זיך דאַן גערעדט איבער א חשוב'ער איד מאנ"ש, וועלכער האָט אָנגעהויבן עוסק צו זיין צו שאַפן געלט פאַר די מוסדות, און ער פלעגט אַרומגיין ביים ציבור נאָך געלט. נאָך א שטיק צייט איז יענער עסקן געקומען צום רבי'ן זיך אָפּרעדן אַז ער איז נישט מצליח און ער וויל אויפגעבן דעם עסקנות צוליב פאַרשידענע סיבות.

דער רבי האָט דאַן אָפּגעשריבן פאַר הרה"ח ר' ליפּא פריעדמאַן ז"ל דער לעגענדאַרער מנהל המוסדות, דעם גאַנצן שמועס וואָס ער האָט געהאַט מיט יענעם עסקן, ובין הדברים שלאָגט דער רבי זי"ע פאָר פאַרשידענע פּלענער וואָס ער האַלט אַז מ'דאַרף וועגן טון, כדי צו שאַפן גרעסערע געלטער לטובת די מוסדות.

בראש וראשון שרייבט דער רבי דאָס דערמאָנטע. מ'דאַרף איינפירן אַז יעדער איינער מאנ"ש, יעדער וואָס קערט זיך אָן אין רבי'נס קהלה און מוסדות, זאָל יעדעס יאָר נעמען אויף זיך צו געבן א באַשטימטן סכום פאַר די מוסדות, וואָס דעם סכום זאָל ביסלעכווייז אויסצאָלן איבערן יאָרן און עס איבערגעבן פאַר דעם ספּעציעלן ממונה וואָס וועט זיין געשטעלט אויף דעם.

בעיניו הבדלוחים האָט דער רבי זי"ע פאַרשטאַנען אַז "דאָס" איז דער וועג ווי אַזוי מ'קען אָנפירן מוסדות אין די היינטיגע צייטן.

## דער רבי פירט עס איין

בשעתו, בשעת'ן שרייבן דעם בריוו האָט דאָס דער רבי זי"ע פאַרגעשלאָגן פערזענליך פאַר'ן מנהל המוסדות ר' ליפּא פריעדמאַן ז"ל. א שטיק צייט שפּעטער ווען דער רבי זי"ע איז שוין געווען בכח צו רעדן, האָט דער רבי פאַררופן אין ביהמ"ד א "גענעראַל פאַרזאַמלונג" ביי וועלכן דער רבי זי"ע האָט דאָס אויפגעפּאַדערט פונעם גאַנצן

ציבור.

עס איז דאַן געווען ביום א' דסליחות תשי"ח, און דער רבי זי"ע האָט דאַן אין קורצן מעורר געווען אויף עטליכע ענינים.

אויף דריי ענינים האָט דער רבי זי"ע דאַן מעורר געווען, ערשטענס קעגן גיין מיט דורכזיכטיגע שטרימפ, צווייטענס וועגן ביי-האר, און דריטענס איבער די הייליגע מוסדות. האָט דער רבי זי"ע דאַן געזאָגט בין הדברים ווי פאָלגענד (מיר שרייבן נאָך בערך לשון קדשו, ווי עס איז געדרוקט אין די חידושי תורה "דינער תורות" לויט ווי עס איז דאַן פאַרצייכנט געוואָרן דורך הרה"ח ר' סענדר דייטש ז"ל):

"דעריבער האָב איך מחליט געווען צו מאַכן א געוויסן סדר. מ'מאַכט טאַקע איינמאָל אין יאָר א מלוה מלכה, אָבער פון די איינמאָל איז נישט גענוג צו שאַפן דאָס גאַנצע וואָס מ'דאַרף האָבן פאַר די גרויסע הוצאות. דעריבער דאַרף מען מאַכן א שטיקל פלאַן, אַז יעדער זאָל נעמען אויף זיך א סכום געלט וויפיל ער וויל געבן דאָס יאָר פאַר די מוסדות, און ער זאָל זען דאָס איבערצוגעבן דורכ'ן יאָר אויף סיי וועלכן אופן עס זאָל נאָר זיין. אויב וועט אינמיטן אונטערקומען די מלוה מלכה, און מ'וועט דאָרט געבן א סכום געלט, וועט דאָס אויך זיין אריינגערעכנט אין דעם סכום וואָס ער האָט צוזאגט פאַר די תלמוד תורה.

**"מ'דאַרף וויסן, אַז פונקט ווי יעדער זאָרגט זיך פאַר א דירה און אַנדערע געברויכן, אַזוי דאַרף מען זיך זאָרגן פאַר די תלמוד תורה און פאַר'ן חינוך פון די קינדער. דעריבער זאָל יעדער נעמען אויף זיך א סכום געלט וואָס מ'זאָל באַצאָלן איבערן יאָר פאַר די תלמוד תורה**

"מ'דאַרף וויסן, אַז פונקט ווי יעדער זאָרגט זיך פאַר א דירה און אַנדערע געברויכן, אַזוי דאַרף מען זיך זאָרגן פאַר די תלמוד תורה און פאַר'ן חינוך פון די קינדער. דעריבער זאָל יעדער נעמען אויף זיך א סכום געלט וואָס מ'זאָל באַצאָלן איבערן יאָר פאַר די תלמוד תורה, און מ'זאָל עס געבן אויף איינמאָל, צי זאָל מען עס באַצאָלן איינגעטיילט אין צוויי מאָל אָדער אויף דריי מאָל, במשך איינס אָדער עטליכע חדשים. מ'זאָל טראַכטן עצות ווי אַזוי מ'זאָל דאָס צוזאַמנעמען איבערן יאָרן.

"איך וועל נישט איצט רעדן וויפיל עס זאָל זיין דער סכום (וואָס יעדער זאָל נעמען אויף זיך) צי הונדערט דאָלאַר, דריי הונדערט דאָלאַר, פינף הונדערט דאָלאַר אָדער מער. אָבער יעדער זאָל נעמען זיך א געוויסן סכום וואָס מ'זאָל שוין אָנהייבן אָנצוזאַמלען (כדי עס צו קענען איבערגעבן פאַר די מוסדות.) ר' ליפא פריעדמאַן האָט געוואָלט אַז מ'זאָל שוין איצט מאַכן אַן אַפּיעל (אַז יעדער זאָל אויפ'ן אָרט געבן געלט פאַר די מוסדות) כ'האָב אָבער נישט מסכים געווען דערצו. אָבער שוין פון איצט זזאל יעדער איינער אָנהייבן צונויפצוזאמלען עפעס א סכום, און איבערן יאָר זאָל מען עס איבערגעבן....

"דאָס זעלבע בויט מען כסדר אויף אַלע מקומות, און אויך פאַר'ן געברויך פון די בנינים דאַרף מען (אַסאַך געלט). אויף דרויסענדע שטיצע (פון אידן פון פרעמדע קרייזן) קענען מיר נישט רעכענען אויף קיין שום תמיכה. דעריבער דאַרף מען דאָס זען צונויפצונעמען דייקא פון אונזער ציבור, און אפשר אויך פון אַזאַ איינעם וואָס איז אונז נישט קיין אָפּענער שונא...

"אַלענפאַלס, סיי ווער עס איז דאָ און סיי ווער נישט, זאָל במשך השנה זיך מאַכן דעם סדר (צו געבן א באַשטימטן סכום דורכאויסן יאָר) און פונעם אָפּיס וועט מען טאַקע מסדר זיין אַז איינער זאָל א גאַנץ יאָר צוזאַמנעמען דאָס וואָס ער וויל געבן פאַר די מוסדות, און דאָס איז איינס פון די עקרים וואָס מ'דאַרף שוין איינפירן. מ'זאָל שוין תיכף זיך אָנהייבן איינצושרייבן אין דעם.

קלאָרע דיבורים, קילורין לעינים, וואָס ווען נישט עס איז אָנגעצייכנט דער דאַטום פון שנת תשי"ט, וואָלט זיכער אויסגעקוקט אַז דאָס איז א דרשה וואָס איז היי-יאָר געזאָגט געוואָרן לטובת אונזערע הייליגע מוסדות.

## לשעתו ולעתיד לבא

היינט מיט אַריבער 52 יאָר שפּעטער, האָבן די מוסדות זיך שוין פילפאַכיג פאַרברייטערט עשרת מונים פון יענע יאָרן, אָבער דער מצב איז דאָס זעלבע. מ'פלאָגט זיך ווייטער. עס קומען צו קינדער, מ'דאַרף בויען פרישע בנינים, און אין די אַלטע דאַרף מען צולייגן פרישע איינריכטונגען. עס איז קיינמאָל נישט דאָ גענוג געלט אין די קאַסע פון די הייליגע מוסדות.

## וואָס איז די עצה?

צאו לך בעקבי הצאן. דער הייליגער רבי זי"ע, דער גברא דמרא סייעא וואָס האָט זוכה געווען מטהר צו זיין דעם אויר ארץ הטומאה פון אדמת אַמעריקע, האָט אַראָפּגעשטעלט פונקטליכע פאַרשריפטן אין אַלע חלקי החיים, ווי אַזוי יעדער יחיד זאָל זיך פירן, ווי אַזוי די קהלה זאָל זיך פירן, ווי אַזוי מ'זאָל לערנען מיט בחורים, ווי אַזוי מ'זאָל מחנך זיין ערליכע אידישע דורות אין די תלמוד תורה און אין מיידל שולע, און דערצו האָט דער רבי זי"ע אויך אַראָפּגעשטעלט פונקטליכע פאַרשריפטן ווי אַזוי מ'זאָל שאַפן געלט פאַר אָט די הייליגע מוסדות!

## ווי אַזוי?

יעדער יחיד זאָל נעמען אויף זיך א סכום קצוב. זיך מקבל זיין פון אָנהייב יאָר א סכום וויפיל ער גייט געבן פאַר די מוסדות, וואָס אַזוי אַרום וועט מען קענען האַלטן חשבון, און בעזהשי"ת פירן א קראַנטן בודזשעט, וויסנדיג אַז יעדער וועט געבן דעם סכום וואָס מ'האָט זיך אונטערגענומען לטובת די הייליגע מוסדות.

וואָס עס איז געווען דעם רבי'נס כוונה ביים אויפפאָדערן דעם ציבור זיך אָנצושליסן מיט רעגעלמעסיגע שטיצע פאַר די מוסדות, זאָגט נישט דער רבי זי"ע אַרויס אין זיינע דברות קודש, אָבער מיט א בליק אויף די היינטיגע אומשטענדן זעט מען ממש ווי רוח ה' דבר בו.

## "חד יומא" רצון קדשו פון רבי'ן

תלי"ת די מוסדות האָבן די מוסדות זיך צובליט אויף א חוץ לדרך הטבע'דיגן פאַרנעם. פון יאָר צו יאָר, און אפילו פון חודש צו חודש וואַקסט ב"ה דער מספר פון תלמידים. בלויז אינעם פאַרלאָפענעם יאָר זענען אין די מוסדות צוגעקומען אַזויפיל תלמידים, גענוג אָנצופילן צוויי עקסטערע מוסדות

התורה!

אָנצופירן אַזעלכע מוסדות קומט קיינמאָל נישט לייכט אָן, ובפרט ווען עס איז די רעדע פון מוסדות וועלכע זענען כסדר פאַרנומען מיט'ן בויען. מ'דאַרף כסדר צולייגן נאָך און נאָך כתות, קלאַסן און איינריכטונגען, און אַלעס אין א צייט ווען די מוסדות האָבן אין אַלגעמיין פיל וויניגער זייטיגע הוצאות פון וואָס אַנדערע מוסדות געניסן יאָ.

און אויב האָט מען נישט קיין דרויסענדע הוצאות, ווי אַזוי יאָ? ווי אַזוי זאָלן די מוסדות קענען האָבן א קיום? ווי אַזוי זאָל מען קענען אַהערשטעלן אַזעלכע פאַנטאַסטישע הוצאות, אויב נישט דורכ'ן אייגענעם ציבור?

פאַרהאַן אַמאָל וואָס מ'מאַכט זיך א חשבון, כך וכך איז דער בודזשעט, פון אַזויפיל-און-אַזויפיל מענטשן קען מען ערוואַרטן זייער נתינה, פון אַנדערע קען מען נישט ערוואַרטן, און דאָס וואָס זיי וועלן נישט געבן, וועט מען שאַפן פון דרויסענדע הכנסות. אָבער אַז עס איז קיין דרויסענדע הכנסות נישט דאָ, קען מען זיך נישט ערלויבן מוותר צו זיין איף קיינעמס שטיצע. יעדנס שטיצע איז קריטיש וויכטיג, און די הנהלה איז אָנגעוויזן אַז יעדער יחיד זאָל אַרויסנעמען זיין חלק להחזקת המוסדות.

כדי אַהערצושטעלן א "קביעות'דיגע הכנסה" פאַר די הייליגע מוסדות אַזוי ווי דער רבי זי"ע האָט געוואָלט און פאַרלאַנגט, און כדי צו קענען דעקן און אַהערשטעלן אויף דאָס וואָס עס ווערט ביי אונז אין די מוסדות נישט געשאַפן דורך דרויסענדע הילף, האָט די הנהלה צוגעשטעלט פאַר'ן ציבור די ברייטע מעגליכקייט זיך אָנצושליסן אינעם מפעל "חד יומא" וועלכע איז געגנוי אַן אָפּשפּיגלונג פונעם רבי'ן זי"ע'ס ווערטער "יעדער זאָל נעמען אויף זיך א באַשטימטן סכום וואָס מ'זאָל געבן איבערן יאָר".

**כדי אַהערצושטעלן א "קביעות'דיגע הכנסה" פאַר די הייליגע מוסדות אַזוי ווי דער רבי זי"ע האָט געוואָלט און פאַרלאַנגט... האָט די הנהלה צוגעשטעלט פאַר'ן ציבור די ברייטע מעגליכקייט זיך אָנצושליסן אינעם מפעל "חד יומא" וועלכע איז געגנוי אַן אָפּשפּיגלונג פונעם רבי'ן זי"ע'ס ווערטער "יעדער זאָל נעמען אויף זיך א באַשטימטן סכום וואָס מ'זאָל געבן איבערן יאָר".**

אוודאי איז פיל גרינגער אויב מ'נעמט זיך אונטער און מ'צאָלט אויס דעם גאַנצן סכום צוזאַמען ביים דינער, צי אפילו נאָך פאַר'ן דינער. אָבער נישט יעדער איז ביכולת דערצו, און מ'קען דאָס נישט ערוואַרטן פון יעדן. וואָס עס פאַרלאַנגט זיך אָבער דייקא פון יעדן, איז די "קבלה". זיך אונטערצונעמען א סכום קצוב, זיין אָנגעשלאָסן אינעם מפעל חד יומא, און האָבן אַן אחריות און געפיל אַז איבערן יאָר זאָל מען אויסצאָלן דעם גאַנצן סכום וואָס מ'האָט זיך אונטערגענומען.

מטעם האפיס זענען געשטעלט די חשוב'ע עסקנים, ר' שלמה דוב ווידער הי"ו, ר' נתנאל ברוין הי"ו און נאָך וואָס גייען א גאַנץ יאָר אַרום אָפּנעמען די נדבות פונעם ציבור. פונעם ציבור פאַרלאַנגט זיך אַז אַצינד ווען די עסקנים גייען אַרום אויפאַרבעטן די נתינות פונעם ציבור, זאָל יעדער יחיד זיי אויפנעמען בסבר פנים יפות, און זיך פאַרשטעלן כאילו בעל השמועה עומד לפניו, ווי רביה"ק זי"ע שטייט און בעט זיך צו אונז "שליסט אייך אָן אינעם חד יומא"!

ואין היקש למחצה. אַז מיר אַלע וועלן אויספירן רצון קדשו פון רבי'ן זי"ע מיט'ן זיך אונטערנעמען סכומים קצובים להחזקת מוסדותיו הק', וועט זיכער חל זיין אויף אונז אַלע די ברכות וואָס דער רבי זי"ע פלעגט וואונטשן באנפין נהירין פאַר די תומכי מוסדותיו הק', ובשמי מרום וועט דער רבי זי"ע זיכער זיין א מליץ יושר פאַר אונז אַלע, יעדער וועט געהאָלפן ווערן בכל משאלות לבבו לטובה ולברכה, און פון דעם איינעם טאָג וואָס מ'קויפט זיך איין אינעם מפעל "חד יומא" וועט נתרבה און נתפשט ווערן ברכה מרובה אויף א גאַנץ קיילעכדיג יאָר, אמן.

# ספּעציעלער "חד יומא אינפאָרמאַציע צענטער" וועט זיין צוגעשטעלט ביים גרויסאַרטיגן דינער

אין בעפאָרגרייטונג צום גרויסן מעמד הדינער וואָס וועט קומענדיגן מוצש"ק אי"ה אָפּגעראָכטן ווערן להחזקת מוסדותינו הק', האָט דער דינער קאָמיטע דאָס יאָר אַראַנדזשירט צוצושטעלן א ספּעציעלן "חד יומא אינפאָרמאַציע צענטער" וואו מען וועט קענען באַקומען פּונקטליכע אינפאָרמאַציע און אָנווייזונגען איבער אַלע פּרטים פון דעם מפעל.

עס איז היינט שוין איבעריג פאָרצושטעלן פאַר'ן ציבור דעם באַדייט פונעם מפעל "חד יומא" וועלכע איז אין די לעצטע יאָרן אויסגעשטיגן אַלס "רוקן ביין" פון די גרויסאַרטיגע הכנסות וואָס ווערן געשאַפן איבערן יאָר לטובת מוסדותינו הק'. א גאַנץ יאָר שפּירן אידן פאַר א זכי' אַרויסצונעמען זייער חלק בהחזקת המוסדות, דורכ'ן אָפּקויפן דעם זכות א "חד יומא" איין טאָג אין איינס פון די אָפּטיילונגען פון די הייליגע מוסדות, ביי וועלכן אידן זעען ב"ה אָפענע ישועות און הצלחות לכל מילי דמיטב.

אין די לעצטע חדשים ווען עס זענען אָנגעגאַנגען די בעפאָרגרייטונגען צום גרויסן מעמד הדינער, זענען די שד"ר ועסקני המוסדות שטאַרק איבערראַשט געוואָרן מיטצוהאַלטן ווי שטאַרק דער מפעל איז ב"ה אויפגעכאַפּט, און ווי אידן זוכן און קוקן אַרויס צו קענען איינקויפן א זכות פון א טאָג אין די מוסדות אין ראַם פונעם מפעל חד יומא. טאָג-טעגליך זענען די עסקנים צוריקגעקומען נאָך די באַזוכן ביים ציבור אנ"ש תומכי המוסדות, מיט פרישע נעמען פון נדיבים בעם וואָס האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין דעם מפעל, און כסדר האָט מען געהערט פרישע אנפראגען פון נאָך און נאָך אידן וואָס האָפן זיך אָנצושליסן אין דעם מפעל.

לאור בקשת הרבים וואָס דער מפעל ווערט ב"ה אַלס מער און מער אויפגעכאַפּט, זענען די געטרייע עסקנים פונעם דינער קאָמיטע געגרישט, אַז ביים מעמד הדינער זעלבסט וועלן פילע אנפראגעס פון די עסקנים זיין באַזירט

פארזעצונג אויף זייט יב ◂◂


נגידים בעם שליסט זיך אן אינעם מפעל
זכות המוסד
דורך דעם וואס איר שליסט אייך אן אין די "זכות המוסד" האט איר א שותפות און באקומט די זכות פון די פעולות נשגבות פונעם גאנצע מוסד!
פרנס השנה
$100,000
פרנס החודש
$26,000
פרנס היום
$5,000
במשך די צייט וואס איר קויפט אפ וועלן "אלע" תלמידים פון די תלמוד תורה אין די בית רחל מקדיש זיין זייער לערנען און דאווענען לזכות הנדבן!
ממלכת התורה והחינוך
זכות המוסד
זכות שותפות בחינוך אלפי תשב"ר לתורה וליראה
שליסט א גאלד
פארזיכער



תומכי ומחזיקי מוסדותינו
שליסט זיך אן אינעם מפעל
חד יומא
בן י"ג למצוות
כתה מכינה לבר מצוה
$1,800
מפי עוללים
ויונקים
כתות ד' ה' ו' ז' ח'
$1,200
הבל פיהם
של תשב"ר
כתות א' ב' ג'
$800
צאן קדשים
נױרסערי-קינדערגארטן
$800
די קינדער פון דעם אפטיילונג וועלן מקדיש זיין
זייערע לימודים ותפלות במשך דעם טאג לזכות הנדבן!
חד
יומא
קאמפיין
שע"י ישיבה תורה ויראה מסאטמאר
געשעפט מיט
רווחים



# ברכת הבנים פון רבי'ן

"אחד הי' אברהם" – איז דער אויסדרוק מיט וועלכן עס ווערט באַצייכענט די ביטערע תקופה פון מרן רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע נאָכ'ן גרויזאַמען חורבן פון די צווייטע וועלט קריג. דער רבי האָט איבערלעבט דעם קריג און איז אָנגעקומען אַהער קיין כמעט איינער אַליינס, אָן זיינע טויזנטער תלמידים וחסידים וואָס האָבן אים באַגלייט און אַרומגענומען אין די פריערדיגע יאָרן.

וויניג תלמידים האָט דער רבי זי"ע דאַן פאַרמאָגט, אָבער מן השמים איז אַזוי צוגעפירט געוואָרן, אַז קיין אייגענע דורות האָט דער רבי זי"ע אויך נישט פאַרמאָגט. דער רבי זי"ע האָט פיל מתפלל געווען און איינגעריסן, און אין די תקיעות שופר דרשות אין די ערשטע יאָרן האָט דער רבי זי"ע נאָך שטאַרק געבעטן דעם ציבור אַז מ'זאָל איינרייסן פאַר אים להפקד בדבר ישועה ורחמים.

אָפּגעזען וויאַזוי עס קוקט אויס מיט די פליישיגע אויגן, איז אָבער קלאָר אַז מיט א בליק דורכ'ן רבי'נס ברילן, איז דעת קדשו געווען זייער קלאָר, אַז ער האָט יאָ זוכה געווען אויפצושטעלן אייגענע דורות, און טאַקע גרויס און ערליכע דורות, פון וועמען עס ציט זיך הערליכע משפחות ביז צום היינטיגן טאָג.

## אנחנו וצאצאינו

עס האָט דערציילט הגה"צ רבי נתן יוסף מייזעלס זצ"ל אבדק"ק ור"מ אבני שלמה, אַז מרן רביה"ק זי"ע האָט אים אַמאָל געזאָגט, אַז יעדן טאָג ביי ברכת התורה ווען ער זאָגט די תפלה "ונהי' אנחנו וצאצאינו וצאצאי צאצאינו כולנו יודעי שמך ולומדי תורתך לשמה" האָט ער אינזינען אַלע תלמידים פון זיינע מוסדות הקדושים, ווייל...

דאָס זענען זיינע קינדער!

ענליך צו דעם האָט דערציילט א חשוב'ער תלמיד פון רבי'ן זי"ע הרה"ג רבי אברהם זאב גרובער זצ"ל, וואָס ער האָט אַליינס געהערט פון רבי'ן זי"ע. הרב גרובער זצ"ל האָט בסוף ימיו געוואוינט אין די געגענט פון בעיסוואטער, און אנ"ש וועלכע האָבן דאָרט געוואוינט א שטיק צייט האָבן מיט אים אָנגעקניפּט א נאנטן קשר.

הרב גרובער זצ"ל איז אין די בראשית יאָרן געווען שטאַרק נתקרב געוואָרן צום רבי'ן זי"ע, און ער פלעגט כסדר אַריינקומען בקודש פּנימה און האָט פאַרפירט פאַרשידענע שמועסן מיט'ן רבי'ן זי"ע. בסוף ימיו פלעגט הרב גרובער זצ"ל פיל איבערגעבן פאַר'ן יונגן דור, פאַרשידענע פּלאות'דיגע ענינים וואָס ער האָט אַליינס בייגעוואוינט ביים רבי'ן זי"ע.

צווישן אַנדערן האָט הרב גרובער זצ"ל דערציילט, אַז אין איינע פון די ערשטע יאָרן נאָכדעם וואָס דער רבי זי"ע האָט מייסד געווען אין ניו יאָרק דעם באַגריף פון א חסידי'שע זומער קעמפּ פאַר אינגלעך, וואו די קינדער האָבן ווייטער ממשיך געווען צו לערנען פּונקט ווי א גאַנץ יאָר, האָט ער אַמאָל געהאַט די זכי' צו באַגלייטן דעם רבי'ן זי"ע ווען ער האָט באַזוכט אין קעמפּ.

א שטייגער ווי אַלע יאָרן האָט דער רבי זי"ע דאַן מיטגעהאַלטן ווי די קינדער בענטשן ברכת המזון נאָכ'ן עסן, פון וואָס דער רבי זי"ע איז שטאַרק נתרגש געוואָרן. דער רבי זי"ע האָט זיך דאַן געגעבן א דריי אויס צו הרב גרובער און זיך אָנגערופן צו אים "אברהם וואָלף, האָבן מיר דאָס געגלייבט פאַר עטליכע יאָר צוריק ווען מיר זענען געווען אין לאַגער, אַז מיר וועלן דאָס נאָך אַמאָל הערן?".

הרב גרובער זצ"ל איז שטאַרק נתרגש געוואָרן פון רבי'נס ווערטער, און ער רופט זיך אָן צום רבי'ן זי"ע אַז אַלעס וואָס מ'זעט דאָ אַזעלכע ליכטיגע אידישע דורות דאָהי אין אַמעריקע, אַלעס איז אין זכות פון רבי'ן זי"ע. הערענדיג די ווערטער האָט דער רבי זי"ע זיך פארטראכט אין זיינע רעיונות, און דאַן זיך אָנגערופן בל"ק: "צו עס איז מיין זכות דאָס ווייס איך נישט, אָבער זיי אַלע זענען מיינע קינדער!".

"מיינע קינדער" האָט דער רבי זי"ע זיך אויסגעדרוקט אויף די תלמידים פון די מוסדות, ותלמידים קרוים בנים!

ביי שפּעטערדיגע געלעגנהייטן פלעגט הרב גרובער זצ"ל אָפט דערציילן די מעשה ביי דינערס און מסיבות, ובלשון לימודים פלעגט ער צולייגן "ווער וויל דען נישט האָבן די זכי' צו שטיצן דעם רבי'נס א קינד?!"

## א זכי' צו שטיצן דעם צדיק'ס דורות

אין אַלע דורות האָבן אידן געשפּירט פאַר א זכי' מהנה צו זיין די קינדער פון צדיקים. גאָר באַקאַנט איז די סגולה בדוקה פון שטיצן נכדי הרה"ק רבי אלימלך מליזענסק זי"ע, אָבער דאָס זעלבע האָט מען געזען ביי אייניקלעך פון אַנדערע צדיקים, וואָס אידן האָבן געוואוסט, אַז מיט'ן שטיצן די נכדי צדיקים קויפט מען זיך איין געוואַלדיגע מליצי יושר, מיט דעם וואָס די צדיקים בגן עדן העליון זענען ממליץ טוב אויף די וואָס העלפן אַרויס און פאַרגרינגערן פאַר זיינע אייניקלעך בעולם הזה.

טראָץ וואָס צדיקים געפונען זיך בעולם העליון, האַלטן זיי ווייטער מיט וואָס עס טוט זיך מיט זייערע קינדער, וכידוע וואָס עס שטייט אין זוה"ק, אַז בשעת א שמחה טרייבט מען אַרויס די אבות פון גן עדן העליון. זיי וואָלטן געוויס געוואָלט בלייבן נהנה זיין מזיו השכינה, אָבער מ'שיקט זיי אַראָפּ מיטהאַלטן די שמחות פון זייערע קינדער אויף דעם עולם. דאָס זעלבע זעט מען ח"ו פאַרקערט, ווי חז"ל זאָגן "מכאן שהאבות מצעטרים בצער בניהם בגן עדן". מן השמים געט מען זיי צו שפּירן דעם צער פון זייערע קינדער, כדי זיי זאָלן מתפלל זיין אויף זיי.

דער רבי זי"ע זעלבסט האָט קיין קינדער נישט איבערגעלאָזט נאָך זיך. אָבער פאַקטיש זענען די טויזנטער תלמידים וואָס לערנען אין אונזערע הייליגע מוסדות, ווירקליכע קינדער פון רבי'ן זי"ע, און עס איז זיכער אַז מיט דעם וואָס מיר העלפן אַרויס דעם רבי'נס מוסדות, דורך וועלכע די תלמידים באַקומען די געלעגנהייט צו ווערן דעם רבי'נס קינדער. שעפּט דער רבי זי"ע דערפון תענוג ונחת. ער האָט הנאה דערפון, און ער איז מכיר טובה פאַר די מתנדבים בעם משמי מרום.

עס איז דעריבער קיין וואונדער דאָס וואָס מ'הערט ביז צום היינטיגן טאָג, ווי אידן וואָס ווילן געהאָלפן ווערן מיט סיי וועלכע ישועה געבן שיינע נתינות לטובת המוסדות, וואָס געווי ווי בחיים חיותו האָבן אידן געוואוסט אַז ווען מ'וויל דערפרייען דעם רבי'ן, און מקבל זיין מברכותיו הטהורים, געט מען שיינע סכומים פאַר די מוסדות, וואָס דורכדעם ווערט מען געהאָלפן, אַזוי האַלט דאָס אָן ביז צום היינטיגן טאָג.

וואָס דאַרף מען מער פון דעם וואָס דער רבי זי"ע האָט אַליינס געזאָגט "ווער עס וועט העלפן מיינע מוסדות וועל איך אים נישט שולדיג בלייבן".

## א ברכה בלי גבול!

אַז מ'קוקט אַריין אין די "דינער תורות" זעט מען כסדר ווי דער רבי זי"ע ברענגט אַרויס קלאָרע דיבורים, אַז מיט'ן שטיצן די הייליגע מוסדות

איז מען זוכה צו אַלע ברכות און השפעות. ביים דינער לטובת מוסדותינו הק' בשנת תשכ"א האָט דער רבי זי"ע גענזאָגט א פלא'דיגן געדאַנק. מ'זעט אין פרשת כי תבא רעכענט די תורה אויס אַלע ארורים, און דאָס לעצטע דערפון איז "ארור אשר לא יקום את דברי התורה הזאת". איז דאָך ידוע, אַז פאַר מ'האָט געזאָגט די אַלע ארורים האָט מען געזאָגט די פסוקים בלשון ברכה, קומט דאָך אויס אַז מ'האָט קודם געזאָגט "ברוך אשר יקום את דברי התורה הזאת" נו, פאַרוואָס זאָגט דאָס די תורה בלשון ארור?

האָט דער רבי זי"ע דאַן געזאגן א הפלא'דיגן געדאַנק. דער רבי ברענגט צו וואָס דער בעל התניא זי"ע שרייבט אין זיין סידור פאַרוואָס מ'טרעפט נישט אַז דער ענין פון די "הקפות" אום שמחת תורה זאָל זיין געשריבן אין די תורה אָדער אין חז"ל. זאָגט דער בעל התניא זי"ע אַז א זאַך וואָס ווערט איבערגעגעבן בקבלה מדור לדור, איז פיל גרעסער פון א זאַך וואָס שטייט בפירוש געשריבן. זאָגט ער ווייל א זאַך וואָס איז ווערט נאָר איבערגעגעבן איז אַזוי גרויס, אַז עס האָט נישט קיין פלאַץ אין די אותיות, און מ'קען דאָס פשוט נישט אַראָפשרייבן בעל פה. (כידוע ברענגט דאָס דער רבי זי"ע אין ספה"ק ויואל משה, איבער'ן ענין פאַרוואָס דער דרך הבעש"ט איז נישט אָפגעשריבן געוואָרן.)

זאָגט דאָרט דער רבי, אַז לפי זה פאַרשטייט מען גוט, אַז די ברכות וואָס עס קומט פאַר די מחזיקי תורה, דאָס איז אַזוי גרויס, אַזוי מעכטיג, אַז עס איז בלי גבול. עס האָט פשוט נישט קיין פלאַץ אין די אותיות. וועגן דעם האָט די תורה דאָס נישט געשריבן בלשון ברוך, ווייל די ברכה איז פיל גרעסער פון וויפיל עס האָט א מעגליכקייט אַריינצוגיין אין די ווערטער!

אַזוי האָט מען כסדר געהערט פון רבי'ן ביי דינערס, מסיבות און אפילו ביחידות וואָס דער רבי זי"ע האָט געזאָגט, אַז די גרעסטע סגולה וואס עס איז דאָ היינט אויף כל מיני ישועות, איז דאָס שטיצן זיינע הייליגע מוסדות.

אָט זענען עטליכע געקליבענע עובדות פון אידן וואָס האָבן געזען ישועות ונפלאות דורכ'ן מהנה זיין דעם רבי'ן זי"ע צו שטיצן זיינע הייליגע מוסדות.

## געהאָלפן זיך אַליינס...

עס דערציילט הרה"ח ר' א. י. ס. הי"ו אַז אין די בראשית יאָרן ווען דער רבי זי"ע האָט מייסד געווען דאָהי אין ניו יאָרק דעם בית חינוך לבנות "בית רחל" האָט ער פיל צוגעהאָלפן מיט עסקנות און געלט לטובת דעם בית רחל.

איינמאָל אויפדערנאַכט ווען דער רבי זי"ע איז אַריינגעקומען אין ביהמ"ד צו מנחה-מעריב אין ביהמ"ד, האָט איינער פון די משמשים בקודש געוויזן פאַר'ן רבי'ן אויף ר' א. י. אַז ער טוט אַסאַך פאַר'ן בית רחל, און דער מקורב האָט געוואָלט אַז דער רבי זאָל אים באַדאַנקן דערפאַר.

האָט דער רבי זיך געגעבן א רוף אַן בל"ק: ער האָט נישט געהאָלפן פאַר'ן בית רחל, ער האָט זיך אַליינס געהאָלפן!

דער רבי האָט ווייטער געזאָגט "איך האָב אויך געהאָלפן פאַר'ן בית רחל. ווער באַדאַנקט מיך?... "נאָר וויסן זאָלסטו - האָט אים דער רבי געזאָגט - אַז ווער עס העלפט די מוסדות העלפט נאָר זיך אַליינס."

## גאָר קיין חשד נישט...

עס האָט דערציילט הרה"ח ר' א. ז. פריעדמאַן ז"ל מחשובי אנ"ש דאָהי אין וויליאַמסבורג, אַז ער האָט געהאַט א פעקטאָרי וואו עס האָט געאַרבעט א גוי וואָס האָט אים אָפגעטון סאַך צרות. איינמאָל ווען ער האָט אַסאַך געליטן פון דעם גוי האָט ר' א. ז. זיך אָנגערופן אַז אויב ער ווערט פטור פון דעם גוי וועט ער געבן טויזנט דאָלאַר פאַר'ן רבי'נס מוסדות.

נאָך א קורצע צייט וואָס ער האָט זיך דאָס אָנגערופן, האָט דער גוי זיך פלוצים געוואָנדן צו אים. ער האָט אים געזאָגט אַז ער פילט נישט גוט און ער איז אַוועקגעגאנגען פון די אַרבעט. נאָך האַלטענדיג אינמיטן וואַרטן אויף אינדרויסן אויף א טעקסי וואָס זאָל אים קומען אָפפירן אַהיים, איז דער ל"ע אַוועקגעפאַלן, און באַלד איז ער נישט געווען בין החיים.

ר' א. ז. האָט באַלד אָנגערופן צום שטוב פון רבי'ן זי"ע און דערציילט די מעשה. ווען דער רבי האָט דאָס געהערט האָט ער זיך אָנגערופן "איך וויל זען דעם איד". עטליכע טעג דערויף, אין איינע פון די ימי החנוכה איז ער אַריין צום רבי'ן, און ר' א. ז. האָט איבערגעגעבן פאַר'ן רבי'ן דעם סכום געלט. ווען דער רבי האָט געזען דאָס געלט האָט ער גלייך פאַרשטאַנען וואָס דאָס איז, און האָט זיך אָנגערופן מיט א שמייכל "איך האָף אַז איר זענט מיך נישט חושד דערין ווייל איך האָב גאָרנישט געוואוסט דערפון...

האָט זיך אָנגערופן איינער פון די משב"ק "ער איז נישט 'חושד' דעם רבי'ן. ער ווייסט...

## עד פ"א האָט דער רבי באַצאָלט...

דער דערמאָנטער הרב רבי אברהם זאב גרובער זצ"ל האָט דערציילט, אַז אין די ערשטע יאָרן וואָס דער רבי זי"ע איז געווען דאָהי אין אַמעריקע, האָט דער רבי זיך זייער געמוטשעט מיט די מוסדות וואָס ער האָט נאָרוואָס געהאַט מייסד געווען. איינמאָל ווען ער איז געווען ביים רבי'ן, האָט דער רבי אים געפרעגט אויב ער קען אים באָרגן אַביסל געלט פאַר די מוסדות. הרב גרובער זצ"ל האָט דאַן זיך שוין געהאַט אָנגעקליבן א שיינעם סכום געלט, און פאַרמאָגענדיג א גאָר וואַרעם הארץ לכל דבר שבקדושה, האָט הרב גרובער זצ"ל גלייך אַרויסגענומען פון טאַש זיין טשעק ביכל, ער האָט אונטערגעשריבן אַלע טשעקס, און ער האָט דאָס אהינגעגעבן פאַר'ן רבי'ן. ער האָט פונקטליך געזאָגט פאַר'ן רבי'ן וויפיל געלט עס ליגט אין דעם אקאנוט, און ער האָט געזאָגט פאַר'ן רבי'ן אַז ער גיט רשות אויסצוגעבן וויפיל ער וויל. ער האָט נאָר געבעטן אַז דער רבי זאָל איבערלאָזן אינעם אַקאַונט לכה"פ 5$ כדי אַז דער אַקאַונט זאָל זיך נישט גענצליך אויסליידיגן.

הרב גרובער ז"ל האָט דאַן געהאַט די זכי' להחיות את נפש הצדיק, וואָס דער סכום וואָס איז דאַן געליגן אין דעם אַקאַונט איז געווען א הון רב לויט די דעמאָלסדיגע אומשטענדן, און עס האָט גאָר שטאַרק אַרויסגעהאָלפן פאַר'ן רבי'ן צו קענען בויען די מוסדות, און מרחיב זיין די גבולי הקדושה.

הרב גרובער ז"ל האָט תולה געווען פילע ישועות וואָס ער האָט שפּעטער געזען, בזכות דעם וואָס ער האָט אַרויסגעהאָלפן דעם רבי'ן זי"ע אין יענעם שווערן מאָמענט, און ער פלעגט אַלץ רעדן מיט נאַסטאָלגיע פון די גרויסע זכי' וואָס ער האָט געהאַט, זאָגענדיג "דאָס אַז דער האָט מיר אַלעס צוריקבאַצאָלט עד פרוטה אחרונה איז דאָך קיין ספק נישט" מיינענדיג די הויפענס מיט ישועות וואָס ער האָט זוכה געווען בזכות פון שטיצן דעם גרויסן צדיק. אויף זיין אייגענאַרטיגן שטייגער פלעגט הרב גרובער זצ"ל צולייגן "אָבער איך האָב געהאַט די זכי' אַז דער רבי האָט זיך באַנוצט מיט מיין געלט" דאָס איז אים געווען די גרעסטע זכי' וואָס ער האָט זיך געקענט פארשטעלן "דער רבי האָט זיך באַנוצט מיט מיין געלט"!

## דער שותף האָט (נישט) חרטה

עס האָט דערציילט א חשוב'ער איד פון לעיקוואָוד אַז מיט יאָרן צוריק האָט ער צוזאַמען מיט עטליכע שותפים אינוועסטירט שווערע געלטער אין א ביזנעס פון וואָס ער האָט שיין געקענט פארדינען. נאָך א קורצע צייט האָבן זיינע שותפים מחליט געווען אָפצוהאַקן מיט אים, און ער איז געשטאַנען פאַר א גרויסע געלט-שאָדן.

איז דער איד אַרויסגעפארן קיין קרית יואל, און ער האָט מתפלל געווען אויפ'ן ציון פון רבי'ן זי"ע. ער האָט אויפ'ן אָרט מבטיח געווען אַז אויב ער וועט האָבן א ישועה וועט ער יעדעס יאָר געבן פאַר די מוסדות א סכום פון צוואָנציג טויזנט דאָלאַר.

ווי נאָר ער איז אַרויס פון אוהל הק' הערט ער אַז מ'זוכט אים וויכטיג פון דערהיים. ער האָט זיך פאַרבינדן טעלפאניש, און זיין ב"ב דערציילט אים, אַז יענע שותפים זוכן אים זייער וויכטיג. ער האָט זיי שנעל צוריק-גערופן הערן וואָס זיי ווילן פון אים. זאָגן זיי אים, אַז זיי האָבן מחליט געווען אַז זיי ווילן יאָ גיין ווייטער מיט'ן געשעפט.

פארזעצונג אויף זייט יב ◂◂

**"ונתנו" גייט אהין און צוריק...:**

# "ונתנו גורל" פּראָקלאָמירט צו שאַפן מאַקסימום "קעש ביים דינער"; געווינער באַקומט צוריק דעם גאַנצן סכום אַ גאַנץ יאָר יעדע 2 וואָכן

**מיט'ן סכום פון לכה"פ 250$ להחזקת המוסדות • הנהלת המוסדות אפעלירט: דער "גורל" ליגט אין אייערע הענט! • העכערט אייער נדבה - העכערט אייער פעיראל!**

ברוקלין, ניו יארק. – נאך די געוואלדיגע הצלחה אין די פארגאנגענע יארן, ווערט היי-יאר נאכאמאל פראקלאמירט דורך די הנהלה פון די צענטראלע סאטמארער מוסדות הקדושים אין וויליאמסבורג דער בליציגער "ונתנו קעש גורל", מיט א זעלטענע געלעגנהייט צו געווינען א גאר גרויסע סומע קעש אויף א גרינגן פארנעם, וואו עס וועט קענען ארייניגיין יעדער נדבן מיטן סכום פון $250 און העכער ביים דינער השנתי קומענדיגן מוצאי שב"ק פר' וישב כ"א כסלו הבעל"ט אין בנין הענקי "ניו יארק סטעיט ארמארי", אין די קראונהייטס געגנט, ברוקלין נ.י.



דער ציל פונעם "ונתנו קעש גורל" איז געווידמעט כדי צוצוקומען צום הויפט ציל פונעם גרויסן אווענט, צו שאפן גאר גרויסע נדבות פאר די צענטראלע סאטמארער מוסדות הק' ביים דינער השנתי, צו קענען דעקן דעם אסטראנאמישן דעפעציט פון די מוסדות הקדושים אין שווערע מילליאנען דאללארן.

ב"ה אז דער סאטמארער ציבור איז בייהילפיג פאר די הנהלת המוסדות מיט גאר שיינע נדבות צום דינער, אבער וויבאלד די הנהלת הישיבה איז ספעציעל אנגעוויזן צו שאפן די מאקסימום "קעש אויפן פלאץ" ביים דינער, האבן די עסקנים העוסקים במלאכת הקודש אהערגעשטעלט דעם גרויסן גורל, וואס וועט שאפן א שטארקע באזע פאר די נדבות ביים דינער, "קעש אויפן פלאץ", און גלייכצייטיג קעגנקומען דעם ציבור נדיבים צו קענען זיין זוכה צו א גרויסן "מתן שכרו בצידו", געמאסטן לויט די נדבה, "לפומי' דעבידתא עבידן מטללתא", דורך דעם "ונתנו קעש גורל", וואו דער גליקליכער געווינער וועט באקומען דעם גאנצן סכום פון זיין נדבה, אין לויף



פונעם גאנצן יאר, אין 25 צאלונגען, צו יעדע צוויי וואכן.

ס'איז באקאנט וואס דער בעל הטורים שרייבט אין פר' כי תשא, אויפן פסוק "ונתנו", "למפרע הוא גם כן ונתנו, מה שאדם נותן לצדקה יחזור אליו", אז דאסווארט "ונתנו" גייט אהין און צוריק, אויך אויף פארקערט ליינט זיך דאס "ונתנו", צו צייגן אז וואס א מענטש איז מנדב פאר צדקה קומט באלד צוריק. אויף דעם פארנעם ארבעט דער גורל, אז דער געווינער באקומט צוריק "25 מאל" זיין גאנצע נדבה, איש איש כמתנת ידו.

דער גורל ארבעט ווי פאלגענד: פאר יעדע נתינה פון $250 און העכער, ביז $1000 מאקסימום, קעש, טשעקס, העד-טשעקס, אדער קרעדיט-קארד אויפן פלאץ, וואס מ'ברענגט צום דינער, אדער ס'ווערט איבערגעגעבן בעפאר'ן דינער פאר די עסקנים, גייט מען אריין אינעם גרויסן "ונתנו גורל", וואו דער הויפט געווינער באקומט צוריק "דעם גאנצן סכום" וואס ער האט געגעבן צום דינער, צו יעדע צוויי וואכן דעם קומענדיגן גאנצן יאר, אין 25 פעימענטס, דאס הייסט 25 מאל זיין נדבה, וואס באטרעפט א גאר גרויסן סכום "קעש געלט", געוואנדן לויט די נדבה "קעש ביים דינער".

א באזונדערע געוויכט ווערן פארלאנגט דורך די הנהלת המוסדות, פון די חשובע נדיבים בעם שיחיו, צו באצאלן זייער דינער געלט נתינות מיט "קרעדיט קארדס", אזוי ארום צו שפארן צייט, געלט און מיה וואס פעלט אויס אייצוקאסירן א גאנץ יאר די נדברות, און דורך געבן די נתינות מיט א "קרעדיט קארד" קען מען איינשפארן זייער אסאך הקדש געלט פאר די מוסדות הק'.

החכם עיניו בראשו: עס איז פאראן א גאלדענע געלעגנהייט צו זיין דער גליקליכער געווינער פון אזא ריזן סכום קעש געלט, "א גאנץ יאר פעיראל"!

זכה נוטל חלקו וחלק חבירו.


ב"ה

## מודעה נחוצה

די חשוב'ע עסקנים וואס זענען וויליג ארויסצוהעלפן ביים

## גרויסן דינער

**להחזקת מוסדותינו הק'**

**אפצונעמען די נדבות פונעם ציבור במשך דעם מעמד**

ווערן געבעטן צו קומען אנטייל נעמען ביי די ספעציעלע

## אסיפת עסקנים

וואס וועט פארקומען די וואך

## מיטוואך אווענט

אינעם גרויסן קאנפרענץ-רום פונעם אפיס פון מוסדותינו הק'

**76 ראטליטש סט. צווייטע שטאק**

פאר'ן באקוועמליכקייט פון די עסקנים, וועט די אסיפה זיין איינגעטיילט אין צוויי

**די ערשטע אסיפה**

**וועט זיך אנהייבן בשעה 8:00**

**די צווייטע אסיפה**

**וועט זיך אנהייבן בשעה 10:00**

גאר וויכטיגע דעטאלן און פרטים וועלן אי"ה אויסגעשמועסט ווערן, און דאס השתתפות פון יעדן עסקן איז גאר וויכטיג

מיט דאנק

**דינער קאמיטע**



# מולטי-מעכטיגער בנין ענקי "ניו יאָרק סטעיט אַרמאָרי" אין קראונהייטס, ברוקלין נ.י. אַרגאַנזשירט פאַר רבבות ישראל ביי סעודת הודאה ודינער השנתי כ"א כסלו

◄◄ פארזעצונג פון זייט א

פון טראנספארטאציע און פארקינג א.ד.ג. ווידער פון די אנדערע זייט איז דער פאקט אז די ריזיגע זאלן אין די לעצטע יארן זענען אלע געווען איבערגעפילט מן הקצה אל הקצה פון אלפי ישראל, און ס'איז אויסער יעדן צווייפל אז מ'קען בלויז זיין מוסיף והולך, אפירצוזוכן א פיל גרעסערן לאקאל צום היי-יעריגן דינער.

ווי עס שטעלט זיך ארויס דערזעט מען זיך מדי שנה בשנה נאכאמאל מיט דעם אומגלויבליכן בילד ווען עס קומען זיך צונויף אזויפיל שווערע רבבות אידן חסידים ואנשי מעשה זקנים עם נערים, בראשות גדולי תורה והוראה הרבנים הגאוה"צ שליט"א, און עס איז אויסער יעדן צווייפל אז מ'מוז זיך ספראוון מיט דעם וואקסענדן ציבור בליעה"ר צוזושטעלן א פלאץ אויף א מעכטיגן פארנעם, מיט א פיל-פאכיגן צאל זיצן בכמות, וואס זאל אקאמאדירן דעם ערווארטעטן ריבוי עם בליעה"ר.

חפץ ה' בידם הצליח, צו טרעפן א מעכטיגן בנין ענקי פארן היי יעריגן כינוס הודאה כ"א כסלו, דער גיגאנטישער בנין, "ניו יארק סטעיט ארמארי", אין די קראונהייטס געגנט, וואס געפינט זיך הארט נעבן די שטאט וויליאמסבורג, אויף פרעזידענט סט. און בעדפארד עוו. אין די קראונהייטס געגנט, וואס וועט זיין צוגענגליך און לייכט אנצוקומען, בעז"ה, און גאר ברייט און באקוועם צוגעשטעלט פאר די טויזנטער ערווארטעטע סאטמארער חסידים פון איבער גרעיטער ניו יארק.

אין א שמועס וואס מיטן איבערגעגעבענעם אדמיניסטראטאר פון די צענטראלע סאטמארער מוסדות, הרה"ח ר' מרדכי אלעזר הירש הי"ו מעלדעט ער מיט עקסטאז, אז צום היי-יעריגן דינער האט מען צוגעלייגט העכער 2,000 זיץ-פלעצער מער פון פארגאנגענעם יאר תשע"א, נאכדעם וואס אין די גאר אנהויב שעה'ן פונעם מעמד איז שוין נישט געווען וואו זיך אראפצוזעצן, און די עסקנים האבן ממש נישט געקענט מסדר זיין דעם אנקומענדן פלייץ פון טויזנטער אידן צום כינוס השנתי.

גאר גרויס איז דער הרגש קודש אז דער גרויסער מעמד ווערט אפגעראכטן גאר נאענט צו די שטאט וויליאמסבורג, די שטאט וואס האט געהאט די זכי' אז אין איר איז געווארן אויפגעשטעלט די ערשטע קערנדליך פון די הייליגע עבודה פון רבינו הק' זי"ע מיט העכער זעכציג יאר צוריק, די שטאט וואס האט געהאט די זכי' אז רבינו הק' והטהור זי"ע האט אין איר געוואוינט און אנגעפירט מיט זיין עבודת הקודש ומשם אורו זורח על פני תבל, די שטאט וואס האט געהאט די זכי' צו זיין די וויגל-בעט פאר אלע מוסדות התורה והחינוך, די ממלכת סאטמאר איבער דער גארער וועלט, און די שטאט וואס האט געהאט די זכי' אז רבינו הגה"ק מרן בעל ברך משה זי"ע האט אין איר ווייטער ממשיך געווען מיט די עבודת הקודש און געפירט מדי שנה בשנה דעם מעמד ההודאה.

**גאר גרויס איז דער הרגש אז דער גרויסער מעמד ווערט אפגעראכטן גאר נאענט צו די שטאט וויליאמסבורג, די שטאט וואס האט געהאט די זכי' אז אין איר איז געווארן אויפגעשטעלט די ערשטע קערנדליך פון די הייליגע עבודה פון רבינו הק' זי"ע מיט העכער זעכציג יאר צוריק... די שטאט וואס האט געהאט די זכי' אז רבינו בעל ברך משה זי"ע האט אין איר ווייטער ממשיך געווען מיט די עבודת הקודש און געפירט מדי שנה דעם מעמד ההודאה.**




תורה מחזרת על אכסניא שלה. – ווי מן השמים איז צוגעפירט אז היינטיגן "ארמארי בנין" לאקאל אויף בעדפארד עוו. און פרעזידענט סט. אין קראונהייטס געגנט פון ברוקלין – היינטיגן יאר שנת תשע"ב לפ"ק איז גענוי זעכציג יאר פון ווינטער תשי"ב ווען די סאטמארער תלמוד תורה האט געגרינדעט א ברענטש אין די קראונהייטס געגנט, און האט זיך געפינען אויף די זעלבע גאס, 1699 פרעזידענט סטריט.

ווי פארשטענדליך איז נישט פון די לייכטע זאכן צוצורישן אזא גרויסן אוועגט וואס זאל זיין צוגעשטעלט אויף הונדערט פראצענטיגן שלימות ווי עס פאסט זיך פאר אזא כינוס רבתי פון תלמידי וחסידי סאטמאר. ביים יעצטיגן מאמענט זענען די עסקנים אינערהאלב די סאטמארער קהלה, וועלכע האבן לאנגע יארן ערפארונג אנצופירן גרעסערע כינוסים ברוב עם, גאר שטארק אריינגעטוהן אין צושטעלן דעם ריזן בנין, אזוי איז צו ערווארטן אז די כנסי' גדולה וועט געפראוועט ווערן מיטן פולסטן פראכט און גלאנץ, לתפארת קהל חסידי סאטמאר און די רבבות המשתתפים.

ווי געוועגליך אנטשפרעכט דער היי-יעריגער כינוס רבתי צו דינען אלס קוואל פון חיזוק ועידוד לתפארת עדת רבבות חסידי סאטמאר און די הונדערטער רבנים וראשי ישיבה שליט"א וועלכע ווערן ערווארטעט צום מעמד רבתי, און וועט געוויס מרומם זיין כבודו הקדוש פונעם בעל הנס, מרן רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע, ווען אלפי רבבות פון תלמידיו וחסידיו קומען זיך צונויף מיט איין מטרה, צו מחזק זיין דעם מבצר התורה והיראה וואס ווערט געפירט לויט די הייליגע דרכים און השקפות וואס ער האט איינגעפלאנצט און איבערגעלאזט בירושתו הרוחניות.

טאג טעגליך ווערן אויך אפגעהאלטן א רייע באראטונגען אהערצושטעלן אלעדעטאלן פון דעם מעמד נשגב, און צושטעלן א מעמד מרומם לכבודה של תורה, גייסטרייך און אינהאלטפול.

אכסניא של תורה.

# ברכת הבנים
## פון רבי'ן

⏩ פארזעצונג פון זייט ט

דער איד האָט שיין מצליח געווען, און מדי שנה בשנה ברענגט ער דעם צוגעזאגטן סכום פאַר די מוסדות הק'.

### א ישועה דורך די מוסדות

דאָס זעלבע האָבן אידן געזען וואונדערליכע ענינים ביי מרן רביה"ק בעל ברך משה זי"ע וואָס ער פלעגט אָפט הייסן אַז אידן וואָס האָבן זיך גענויטיגט אין סיי וועלכע ישועה, אַז מ'זאָל צוזאָגן און געבן גרעסערע געלטער פאַר די הייליגע מוסדות.

עס דערציילט הרה"ח ר' אברהם ווידער הי"ו ראה"ק דק"ק קרית יואל יצ"ו, און דאָס זעלבע דערציילט אויך הרה"ח ר' שמואל הכהן פריעדמאַן שליט"א משב"ק, אַז איינמאָל ווען רבינו הגה"ק בעל ברך משה זי"ע האָט געוויילט אין קרית יואל, האָט מען אַמאָל שפּעט ביינאַכט גערופן פון רבי'נס שטוב צו ר' אברהם און דער משב"ק ר' שמואל הי"ו האָט אים געזאָגט אַז דער רבי וויל רעדן צו אים. ר' אברהם האָט איבערגענומען דעם טעלפאָן, און דער רבי האָט אים געבעטן אַז ער זאָל זאָפאָרט אַריבערקומען צו אים אין שטוב.

עס איז שוין געווען שפּעט ביינאַכט, און ר' אברהם הי"ו האָט זיך געוואונדערט וואָס דער רבי דאַרף פון אים אין אַזאַ שפּעטע שעה. אָבער אַז דער רבי רופט איז דאָך נישט שייך, און ר' אברהם איז גלייך געקומען צו גיין צום רבי'ן.

אָנקומענדיג צום רבי'ן אין שטוב האָט דער רבי אים אַריינגערופן און דער רבי האָט אים איבערגעגבן א גרויסן סכום געלט פאַר די מוסדות. דער רבי האָט אים דערציילט, אַז א געוויסער איד וואָס נויטיגט זיך אין א גרויסע ישועה האָט אים איבערגעגבן א גרויסן סכום, און ער האָט געבעטן א הבטחה אויף א ישועה. האָט אים דער רבי געזאָגט "די וויכטיגסטע צדקה זענען די מוסדות" און דעריבער האָט דער רבי געגעבן דאָס געלט פאַר די מוסדות, וויסענדיג אַז דורכדעם וועט דער איד זיכער געהאָלפן ווערן.

דער איד איז טאַקע געהאָלפן געוואָרן מיט א גרויסע ישועה בזכות ברכת צדיק ובזכות פון שטיצן די הייליגע מוסדות.

*

אַלענפאַלס, דאָס איז זיכער אַז מיר קענען נאָך כהיום יום זוכה זיין מקבל צו זיין מברכותיו של צדיק פון מרנן רבוה"ק זי"ע דורכ'ן שטיצן זייערע טייערע "קינדער" די תלמידים פון די מוסדות, וברכת צדיק יחולו על ראשינו געהאָלפן צו ווערן בכל מילי דמיטב, נחת והרחבת הדעת דקדושה, ולכל הברכות האמורות בתורה.




# ספּעציעלער "חד יומא אינפאָרמאַציע צענטער" וועט זיין צוגעשטעלט ביים גרויסאַרטיגן דינער

⏩ פארזעצונג פון זייט ה

איבער'ן מפעל "חד יומא" ווי, איבער פּרייזן, התחייבות פון פריערדיגע יאָרן, טעג וואָס מ'האָט שוין און וואָס איז נאָך פאַרבליבן אָפּצוקויפן וכדומה.

כדי צו פאַרגרינגערן פאַר'ן ציבור וועט דאָס יאָר זיין איינגעפירט דער ספּעציעלער חידוש, אַז האַרט נעבן דעם גרויסן טישל וואו די עסקנים הדגולים וועלן אָפּנעמען די נדבות פונעם ציבור, וועט אויך זיין צוגעשטעלט א ספּעציעלער "חד יומא אינפאָרמאַציע צענטער" וואו די עסקנים וועלן פאַרקויפן די טעג וואָס איז נאָך אָפן, און וועלן גערן ענטפערן אַלע פראַגעס. די עסקנים ביים טישל וועלן זיצן מיט א קאָמפּיוטער, און וועלן האָבן אָפן אַלע פּונקטליכע דעטאַלירטע אינפאָרמאַציע, אַזוי אַז ביז געציילטע סקונדעס וועט מען יעדן קענען פּונקטליך אינפאָרמירן, צו עס איז נאָך מעגליך אָפּצוקויפן דעם-און-דעם טאָג און די-און-די אָפּטיילונג און אַזוי נאָך ענליכע פראַגעס און אינפאָרמאַציע.

עס איז זיכער אַז דער ברייטער ציבור וועט אי"ה שטאַרק נהנה זיין פון דעם נייעם איינפיר, וואָס ווערט איינגעפירט מיט'ן איינעם ציל צו פאַרזיכערן די לייכסטע מעגליכקייט מיטצוהאַלטן דעם גאַנצן גייסטרייכער פּראָגראַם מתחלה ועד סוף, אָן צו דאַרפן פאַרברענגען צופיל צייט ביים איבערגעבן די נדבות לטובת המוסדות.

